בעזהשי"ת

קונטרס

# חידושי תורה

פרשת ויחי

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**
**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל – בני ברק**

**כיתה ו' (א-ב)**

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו
הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת ויחי

**ואלה שמות בני ישראל.**

הרב הגדול בעל עוללות אפרים כתב ד' דברים טובים שהיו לישראל אשר בזכות זה נגאלו ממצרים, ואחד מהם היא שלא שינו את שמותם, ותדע שזהו הענין בכל מלכיות זה עצתם, ברצותם שיהיו ישראל סרים למשמעתם ולפרוק עול התורה ומצוות, הנה לבד השם שיש לכל אחד מישראל בקדושה הנה הם משימים לו שם אחר מסטרא אחרא, דהנה השם הוא כבית אחיזה של הכלי שנלקח כל הכלי על ידו, והנה על ידי קריאת השם הזה יומשכו תנועת כל הגוף וכל האיברים וכוחותיו, וממילא יתמשך ח"ו הישראלי אחר עצתו לבטל מן התורה ומצוות, המשכיל יבין הדבר אשר זה עצת הקליפה בדורותינו אלה.

והנה תראה גם בפרעה שהיה חכם גדול באיצטגנינות וידע שורש הענין, הנה תראה תיכף ישראלי הראשון שנכנס תחת ידו הוא יוסף תיכף שם לו שם כמו שנאמר ויקרא פרעה שם יוסף צפנת פענח וכו' ויצא יוסף על ארץ מצרים, הנה לאו סיפיה רישיה, ונראה לי הכוונה, דיוסף לא רצה להתייחס בזה השם אשר קראוהו פרעה, רק ויצא "יוסף" על ארץ מצרים היינו בכל המכתבים והפקודות ששלח במכתב בכל ארץ מצרים כדרך המושל, לא חתם את עצמו רק יוסף ולא צפנת פענח, ולא נשתקע ממנו שם העברי.

וזהו גם כן הפירוש ויחי יוסף וכו' מאה ועשר שנים וימת יוסף בן מאה ועשר שנים וכו', דמשמיענו שנפטר בשם טוב היינו בשם יוסף, הגם שמלך זה שמונים שנה, שהרי נפטר בן מאה ועשר, ושלשים היה כשמלך, עם כל זה לא נשתקע ממנו שמו העברי יוסף זה שמו לעולם.

וזהו שאמר אחר כך ויישם בארון במצרים, דהנה על הארונות של מלכים מציינים שמותיהם הנה לא הושם על ארונו של יוסף צפנת פענח רק שם יוסף.

וזהו שנאמר אח"כ ואלה שמות בני ישראל, ו' מוסיף על ענין ראשון, שיוסף לא שינה את שמו, וכמו כן בני ישראל, הגם שפרעה שם לכל אחד שם מיוחד בעצת הסטרא אחרא שלו כמו שכתבתי לך, הנה הם לא רצו בזה, ובזכות זה נגאלו אבותינו ממצרים.

**(בני יששכר)**

**ויתחזק ישראל וישב על המטה.**

יש לפרש על פי מה שאמרו חכמינו ז"ל המבקר את החולה נוטל אחד משישים מחליו, והנה תיבת הנ"ה בגימטריא שישים, ותיבת המט"ה בגימטריא נ"ט, וזהו שאמר הנ"ה בנך יוסף בא אליך לבקר אותך והוא יטול אחד משישים מחוליך, לכן כשיוסף בא אליו לבקרו "ויתחזק ישראל" מעצמו ע"י שנחסר לו אחד משישים מחליו, וישב על המט"ה, המטה, בגימטריא נ"ט שנשארו לו רק נ"ט חלקים מחליו, וליכא מידי דלא רמיזא בתורה.

**(צמח דוד)**

בס"ד

**ושכבתי עם אבותי ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם.**

במדרש מכאן שיעקב אבינו לא מת, ותמוה, אך יל"פ עפ"י דאי' בגמ' (סנהדרין מ"ז ע"א) דאין קוברין רשע אצל צדיק, ואין קוברין צדיק גמור אצל צדיק שאינו גמור, ואיתא נמי (חולין ז' ע"א) גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, ויעקב הי' המובחר שבאבות לפי שלא היה בבניו שום פסול, ואברהם ויצחק היה להם עשו וישמעאל, וזהו שאמר הכתוב "ושכבתי" עם אבותי דלכאורה קשה הלא אין קוברין צדיק גמור אצל צדיק שאינו גמור, ולכך תירץ המדרש מכאן שיעקב אבינו לא מת, והם היו מתים והיו שוה בשוה, [ונתנו רמז לזה - תתן "אמת ליעקב", היינו 2 תיבות אלו ביחד הם האותיות של "יעקב לא מת" דקושטא קאי].

**(חתם סופר)**

**שכל את ידיו כי מנשה הבכור.**

לכאורה מה נתינת טעם היא זו, אדרבה אם מנשה הבכור אם כן לא היה לו להחליף את ידיו אלא להניח ידו הימנית על ראש מנשה.

אך באמת הלא היה יכול יעקב לחזור ולהעמיד את הבנים את אפרים לימינו ואת מנשה לשמאלו, אלא שרצה לנהוג כבוד ולבלתי לבייש אותו ע"י שיעמידו לגמרי לצד שמאלו, לכן הניחו על מקומו ורק שכל את ידיו, ועי"ז יש לשניהם כבוד כי מנשה עומד לימינו ואפרים זוכה שיד ימינו של אביו הוא על ראשו, וזה שאמר הכתוב, שכל את ידיו כי מנשה הבכור, ולכן לא החליף את מקומו כדי שלא לביישו אלא רק שכל את ידיו.

**(נועם אלימלך)**

## ניטל שחל בשבת

**רבים** נהגו שלא ללמוד, ואף לא לומר ד"ת בליל ניטל אף כשחל בשבת, כמו"כ רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע לא אמר ד"ת כשחל ניטל בליל שב"ק, אם הי' קודם חצות הלילה, ואמר שאצל חותנו הגה"ק מפלאנטש זי"ע לא אירע מעולם דבר כזה, מאחר שתמיד בעת אמירת תורה כבר הי' אחר חצות.

**והחידושי הרי"ם** הי' נוהג בליל ניטל שחל בשבת לספר סיפור הנ"ל (במקום לומר ד"ת): פעם שאל כומר אחד את רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, כדלהלן, חכמי ישראל אומרים כי העולם קיים על התורה, וא"כ הרי יש לכם יום אחד (ליל ניטל) שבו אינכם לומדים כלל, ואיך העולם מתקיים, השיב לו רבי יהונתן, מנהג ישראל תורה הוא וקיום המנהג שלא ללמוד, תורה היא, והיא גופא מביא לקיום העולם (טעמי המנהגים).

**בענין שנים מקרא ואחד תרגום** בליל שב"ק, מובא בשם הגה"ק מליסקא זצ"ל שרצה לקרוא שמו"ת, וכאשר התיישב לקרוא, נפלה עליו תרדמה גדולה, וכבה הנר, ולא הספיק לעבור שמו"ת, והבין מכך כי מן השמים עכבוהו. לעומת זאת היו צדיקים אחרים שכלל לא חששו בליל ניטל שחל בשבת ולמדו כרגיל, וציטטו את דברי הזוה"ק "וכל שולטני רוגזין ומארי דדינא כולהו ערקין" וכו', וכן העיד הגה"ק מסטראפקוב זצ"ל על מנהגו של אביו הגה"ק משינאווא זצ"ל.

**יה"ר שבמהרה נזכה לביאת גוא"צ ורוח הטומאה יעביר מן הארץ, וכל העומד לינטל כניט"ל דמי, בעגלא ובזמן קריב ומלכינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בראשינו במהרה בימינו אמן.**

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# וואס איז דאס "ניטל"?

**שם רשעים ירקב**

אסאך גוים אין היינטיגע צייטן גלייבן אינעם "אותו האיש" [און כמעט די גאנצע וועלט ציילט די נוצרי'שע דאטום], אבער זיי אליין האבן נישט קיין קלארע ידיעה, ווייל די גאנצע מעשה איבער'ן "אותו האיש" (וואס מיר וועלן באלד דערציילן), ווערט אראפ געברענגט אין די גמרא אויף עטליכע פלעצער אין ש"ס, במילא די אמת'דיגע ערציילונגען איז גענומען פון די גמרא.

עס איז אבער געווען שווערע גזירות אויף אידן במשך די אלע דורות, איינס פון די גזירות איז געווען אז מען דארף רח"ל אויסמעקן די אלע גמרות און ספרים וואס עס ווערט דערמאנט ענינים פון דעם "אותו האיש", אויף דעם האבן די גוים גענומען עקסטערע מענטשן וואס האבן איבערגעקוקט, אלע גמרות און משניות, אלע מפרשים פון די ראשונים, ווי למשל רש"י רמב"ן רא"ש און נאך... און אפילו די ספרי אחרונים, וואו מען קען זעהן אין קיצור שו"ע ביים סוף ספר שטייט "השמטות הצנזור", דאס מיינט אז מען האט צוריק אריין געלייגט, דאס וואס די "צנזור" (אזוי האבן געהייסן די וואס האבן גוזר געווען די גזירה) האבן ארויס גענומען. וועלן מיר פארציילן די מעשה, לויט ווי עס ווערט באשריבן אין די גמרא (היינט האט מען עס צוריק אריינגעלייגט מיטן נאמען "חסרונות הש"ס", אדער "השמטת הצנזור").

אין מסכת סנהדרין (דף סז.) שטייט, אז אותו האיש האט געהייסן "ישוע בן סטדא", נאר אין גמרא רופט מען אים "ישו הנוצרי" (מען האט אראפ גענומען די ע' פון ישוע, ווייל אזוי איז די ראשי תיבות י'מח ש'מו ו'זכרו), די מאמע פון "ישו" האט געהייסן מרים, וואס זי איז געווען די פרוי פון פפוס בן יהודה - וואס איז געווען מיט רבי עקיבא אין תפיסה - די פרוי מרים האט שפעטער חתונה געהאט רח"ל מיט א גוי וואס האט געהייסן "פונדירא", זיי האבן געבוירן דעם ממזר וואס האט געהייסן "ישוע", וועגן דעם הייסט ער "בן סטדא", ווייל אויף אראמיש הייסט עס "סָטַת דָא" זי האט אוועק געקערט פונעם אידישן וועג.

ישו איז געווען אין די צייטן פון הילני המלכה איבער הונדערט יאר פאר'ן חורבן פון צווייטן בית המקדש. אין סדר הדורות שטייט אז ישו איז געבוירן געווארן אין בית לחם שנת ג' אלפים תרע"א, אין די תקופה פון צווייטן בית המקדש, ביי די צווייטע יאהר צו די קעניגרייך פון ינאי המלך.

די גוים ציילן היינט זייער יאר טאג צום "אותו האיש" 2012, דער אמת איז אבער אז עס איז בכלל נישט ריכטיג דער חשבון, און זיי אליין ווייסן נישט ווען ער איז געבוירן.

ווי עס ווערט געברענגט אין סדר הדורות איז דער אותו האיש געבוירן געווארן אין יאר ג' אלפים תרע"א לפ"ג וואס דאס איז בערך מיט 2,100 יאר צוריק, באלד 100 יאר פריער ווי זייער חשבון.

מען האט אים גע'הרג'עט ערב פסח שנת ג' אלפים תש"ז, אזוי אז דער גוי'אישער יארטאג האט נישט אין זיך קיין שום אמת און באדייט, דאס ציילט זיך בלויז צום יאר וואס די 'אמונה' אינעם "אותו האיש" האט זיך צוריק אויפגעוועקט מיט באלד 100 יאר נאך זיין טויט.

בס"ד

עס איז פאסיג דאס ווארט וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געזאגט (בדרשתו ליל ניטל תשס"א) "פונקט ווי זייער גאנצע אמונה איז א שטיק שקר, אזוי איז אויך זייער חשבון שקר, די גאנצע זאך איז איין שטיק שקר פון קאפ ביז פיס"...

עס איז אבער וויכטיג צו וויסן אז ס'איז דא א איסור צו ציילן די יארן לויט זייער יאר. דער חתם סופר שרייבט אויפן פסוק "החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה", אז פון דא זעהן מיר אז מען טאר נישט ציילן די חדשים לויט די חשבון פון די גוים. אין די ספרי שו"ת זענען דא מערערע שאלות להלכה וועגן רעכענען אויפן גוי'אישן יאר ווען עס איז נישטא קיין ברירה, אבער סתם אזוי איז דאס זייער א הארבע זאך און מ'דארף זיין זייער געווארנט אין דעם.

וועגן דעם פירן זיך אידן, אז אפילו ווען מען מוז שרייבן זייער יאר, שרייבט מען נישט אלע 4 נומערן [ווי למשל 2012], נאר מ'שרייבט 11'. ווי אויך שרייבט מען צו דאס ווארט "למספרם". די זעלבע איז אויך מיט די גוי'אישע חדשים, איז אויסגעהאלטן צו שרייבן נישט די נומער פונעם חודש, נאר ארויסשרייבן דעם נאמען פון חודש, ווייל "ניסן" ער איז דער ערשטער חודש אין יאר, עס איז דא אזעלכע וואס אויב מוז מען שרייבן דעם נומער פון חודש, שרייבן זיי זייער חתימה פאר ווען זיי שרייבן דעם נומער פונעם גוי'אישן חודש.

**וואס איז געשעהן מיט דעם "ישו" הנוצרי?**

כדי צו וויסן וואס האט פאסירט מיט "ישו", וועלן מיר פארציילן א מעשה פון א תקופה פריער, וואס שטייט אין גמרא (קידושין סו.) ינאי המלך האט געפירט גרויסע מלחמות, ווען ער האט איינגענומען 60 שטעטלעך אין די מדינה "כוחלית" וואס איז אין מדבר, האט ער זיך זייער געפריידט, און ער האט געמאכט א סעודה כיד המלך, ביי די סעודה האט ער צוזאמגערופן אלע חכמים און ער איז געווען זייער בשמחה. דארטן איז געווען א שלעכטער מענטש, א לץ, און א פראסטער, וואס האט געהייסן אלעזר בן פועירא, האט ער זיך אנגערופן צו ינאי המלך און געזאגט, ינאי המלך, זאלסט וויסן אז די ערליכע אידן האבן דיך נישט ליב, האט ינאי געפרעגט, פון וואו קען איך וויסן אויב דו רעדסט ריכטיג?, זייער פשוט - ענטפערט אלעזר - נעם ארויף אויף דיר די ציץ פון כהן גדול, וועסטו שוין זעהן וואס די אידן וועלן זאגן. [ער האט דוקא געגעבן די עצה, ווייל באמת איז ינאי געווען א אייניקל פון מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, נאר עס איז געווען א שמועה - אן קיין עדים - אז די מאמע פון ינאי איז אינמיטן די מלחמה פון די חשמונאים געווען געפאנגען אין שטאט מודיעים, וואס די הלכה איז, אז זי טאר נישט חתונה האבן מיט א כהן, אויב אזוי איז ינאי נישט א כשר'ע כהן, נאר א חלל......].

*

פארשטייט זיך אז די חכמים זענען געווארן זייער צוקאכט פון די חוצפה אז ינאי טוט זיך אן - סתם אזוי - די הייליגע ציץ, האט זיך דארט אויפגעשטעלט איינער פון זיי, וואס האט געהייסן יהודה בן גדודיא, און איז צוגעגאנגען צום קעניג און געזאגט, ינאי המלך, דו האסט דאך 'כתר מלוכה', לאז איבער די 'כתר כהונה' פאר די קינדער און אייניקלעך פון אהרן הכהן, מען האט גלייך אוועק געטריבן פון די סעודה אלע חכמי ישראל, אבער דער לץ איז נישט געווען צופרידן מיט דעם, רופט ער זיך אן צו ינאי, ינאי המלך, ביי א פשוטער מענטש, וואס מען איז אים חושד, דארטן טוט מען נישט גארנישט, אבער פאר א מלך און א כהן גדול איז אויך אזוי דער דין? איז וואס זאל איך טוהן - פרעגט ינאי - האט אלעזר געענטפערט, זאלסט הרג'ענען אלע חכמים, און ליידער האט אים ינאי געפאלגט, און ער האט

ארויס געגעבן א גזירה צו הרגענען אלע חכמי ישראל.

די שמועה איף די גזירה האט זיך בליץ שנעל צושפרייט, אזוי אז עס האבן זיך דערוואוסט פון דעם א טייל פון די חכמים, און זיי זענען אנטלאפן קיין אלכסנדריה - א שטאט אין מצרים, צווישן זיי איז געווען דער תנא ר' יהושע בן פרחיה מיט זיינע תלמידים, וואס איינער פון זיי איז געווען "ישוע בן סטדא", דעמאלטס האט מען נאכנישט געוואוסט זיינע באהאלטענע שלעכטע מעשים, מיט זיינע פארקרומטע מחשבות אין אידישקייט.

די גאנצע צייט איז די גאנצע געגנט געווען אן תורה, אן תלמידי חכמים, ביז עס איז געקומען דער תנא שמעון בן שטח, [וואס זיין שוועסטער - די מלכה פון ינאי המלך - האט אים באהאלטן, גלייך ווען זי האט זיך דערוואוסט דעם אכזריות'דיגן פלאן פון איר מאן אנטקעגן די חכמים] און האט צוריק געשטעלט די תורה אזוי ווי פארדעם.

איינמאל זענען אנגעקומען די חכמים פון מלכות פרס, זיך דורך שמועסן מיט ינאי פארשידענע זאכן, זיי האבן געפרעגט פאר ינאי, וואו איז דער קלוגער איד וואס פלעגט זיצן ביי דיר אין פאלאץ? (דאס איז געווען זיין שוואגער שמעון בן שטח) פארשעמטערהייט האט ער זיך געבעטן ביי זיין מלכה, אז זי זאל אזוי גוט זיין, און ארויס ברענגען איר ברודער פון זיין באהעלטעניש. די מלכה האט געבעטן פון ינאי זיין רינגל, וואס דאס ווייזט אז ער זאגט צו, אז ער וועט אים גארנישט טוהן, ווען די מלכה האט געזעהן דעם רינגל, האט זי פארשטאנען אז ער מיינט עס אמת'דיג, האט זי מסכים געווען צו ערפילן זיין פארלאנג.

דערנאך האבן זיי געבעטן פון ינאי, אז ער זאל לאזן צוריק ברענגען די חכמים פון מצרים, ינאי האט מסכים געווען דערצו, און שמעון בן שטח האט טאקע געשיקט א בריוו קיין מצרים, וואו ער בעט זיך אז מען זאל צוריק קומען.

ר' יהושע בן פרחיה האט זיך ארויס געלאזט אויפן וועג מיט זיינע תלמידים, אבער ביים ארויס גיין פון מצרים האט ישוע בן סטדא זייער שטארק געוואלט מיטנעמען מיט זיך, פון די "כישוף" וואס ער האט זיך באהאלטענערהייט באשעפטיגט אין מצרים [מצרים איז געווען די מערסטע כישוף פון די וועלט, ווי די גמרא זאגט אין קידושין מט:, אז 10 מאס כישוף איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, און מצרים האט גענומען 9 חלקים ! און פון די צענטע האבן זיך צוטיילט די גאנצע וועלט], וואס האט ישוע געטוהן? ער האט זיך אריינגעשניטן אין זיין פלייש, און אריינגעשטופט די כישוף, און צוגענייט די פלאץ, ביים ארויסגיין פון מצרים האט ער עס צוריק אויפגעשניטן און ארויס גענומען.

*

אין מס' שבת (דף קד.) זאגט דארט די גמרא אויף די משנה וואס שטייט אז המסרט בשרו בשבת, איינער וואס שניידט אריין אין זיין פלייש אינמיטן שבת, חכמים אומרים פטור, פרעגט די גמרא, מיר ווייסן דאך אז ישו הנוצרי ווען ער איז ארויס פון מצרים, האט ער זיך יא אריינגעשניטן אין זיין פלייש, זעהן מיר אז עס איז דא וואס זיי טוהען אזא זאך?, ענטפערט די גמרא שוטה היה ואין מביאין ראיה מן השוטים.

אינמיטן לאנגן וועג, האבן זיך ר' יהושע מיט זיינע תלמידים, אפגעשטעלט אין עפעס א "גאסט הויז", די פרוי פונעם גאסט הויז האט זיי זייער שיין באדינט, ר' יהושע האט זיך אנגערופן צו ישוע, "קוק ווי שיין באדינט אונז די פרוי פונעם גאסט הויז", האט ישוע געענטפערט, "אבער אירע אויגן זענען זייער מיאוס"!, האט ר' יהושע בן פרחיה זיך צושריגן, וואס?! מיט דעם ביסטו פארנומען?!, [מיט קוקן אויף פרויען?], ר' יהושע האט שוין לאנג געזוכט א געלעגנהייט צו אוועק שיקן זיין תלמיד ישוע, און יעצט

האט ער געהאט די געלעגנהייט, האט ער ארויס גענומען מיט די תלמידים 400 שופרות! און מען האט אים ארייגעלייגט אין ח-ר-ם.

ישו האט זיך געמאכט כאילו ער איז געווארן שטארק גערירט, און ער האט זיך געבעטן ביי זיין רבי'ן אז ער זאל אים צוריק נעמען, פארשטייט זיך, אז ר' יהושע האט נישט געוואלט הערן דערפון, און ער האט אים נאכאמאל און נאכאמאל אוועק געשטויסן פון זיך.

*

ישו איז געקומען עטליכע מאל צו זיין רבי'ן, און געבעטן א דרך תשובה, האט פאסירט איינמאל ווען ר' יהושע בן פרחיה האט געהאלטן אינמיטן ליינען קריאת שמע, איז ישו נאכאמאל געקומען זיך איינבעטן, אבער דאס מאל האט זיין רבי געזעהן אויף אים אז ער מיינט עס זייער ערנסט, האט ער מסכים געווען ביי זיך אין הארץ אים צו אננעמען, און ער האט אים געוואונקען מיט די הענט אז ער זאלווארטן ביז ער וועט ענדיגן, אבער ישו האט ביי זיך מחליט געווען ארויס צו גיין פון ביהמ"ד, און גענומען א שטיין, און ער האט זיך געביקט צו דעם רח"ל, די כישוף וואס ער האט באהאלטן האט ער ארויס גענומען און זיך גענוצט מיט דעם אויף גאר שווערע עבירות.

צוליב זיין גוטן קאפ וואס ער האט פארמאגט, האט ער גענומען מאכן פאלטשע פשעטלעך אין די תורה, אזוי האט ער אריינגעשלעפט צו זיך צענדליגער מענטשן, און האט זיי איינגערעדט אז זיין וועג איז די ריכטיגע, ער האט באוויזן אותות ומופתים מיט זיינע כוחות הטומאה פון די כישוף, ביז ער האט געהעצט און צוגערעדט די אידן צו דינען עבודה זרה רח"ל. זיין רבי האט אים פראבירט צוריק צו ברענגען און געבעטן ער זאל תשובה טוהן, האט אים ישו געענטפערט, אזוי האט איך מקבל געווען פון דיר אז א חוטא ומחטיא את הרבים, קען נישט תשובה טוהן.

די גמרא זאגט אז מינות ואפיקורסות האט א גרויסן כח מען זאל ווערן נאכגעשלעפט, האט ישו אזוי אויך אריינגעכאפט ליידער אסאך מענטשן, ביז ער האט צושפרייט אז ער איז א נביא, און ער איז א קינד פון כביכול דעם אויבערשטן, עפ"ל. (אגרת תימן להרמב"ם), ער האט געהייסן אז מען דארף רוהען, נישט שבת קודש נאר זונטיג (רש"י אין עבודה זרה דף ו.) די זאך האט זיך צושפרייט, ביז די סנהדרין האבן זיך צוזאמגענומען און מחליט געווען אז ער איז א מסית ומדיח (איינער וואס העצט אז מען זאל דינען עבודה זרה רח"ל) וואס מען דארף הרג'ענען ביים בית דין, ישו איז אבער געווען גענוג קלוג אויך אויף דעם, ווייל בית דין מעג אים הרג'ענען נאר אויב עס איז דא צוויי עדים וואס קומען צום בית דין זאגן אז זיי האבן געזעהן און געהערט ווי אזוי ער רעדט איין מענטשן, און ישו האט געוואוסט פון דעם, האט ער טאקע קיין איינמאל נישט איינגערעדט מער ווי איין מענטש, און אזוי האט ער געטראכט אז די בית דין וועט אים נישט קענען הרג'ענען על פי תורה.

די חכמים האבן געזוכט א עצה, און בחכמת התורה איז זיי איינגעפאלן א פלאן, וואס האט טאקע מצליח געווען, ווי די גמרא פארציילט (אין סנהדרין סז.) אז ישו האט זיך געדרייט אין שטאט לוד, זיי האבן אים נאכגעקוקט האבן זיי געזעהן אז ער האט א וועג וואס דארט גייט ער אליין, האבן זיי גענומען א אלטער איד זאל זיך דארטן דרייען, און ישו איז אנגעקומען ווי שטענדיג, און האט געשמועסט מיט דעם אלטן איד, אינמיטן האט ער אנגעהויבן ווי געוועגליך איינרעדן צו דינען עבודה זרה רח"ל, דער אלטער האט געזאגט, דו ביסט נעריש?, מיינע לעצטע פאר יאר וועל איך זיך לאזן פארדרייען, אזוי האבן זיי זיך גע'טענה'ט א לאנגע צייט, וואס האבן די חכמים געטוהן?, זיי האבן זיך באהאלטן אין א הייל (מערה), וואס איז געווען א הייל אין א הייל (מערה בתוך מערה), די עדים פון בית דין זענען

אריין טיף אינעווייניג שטילערהייט, און ישו האט דאך נישט געוואלט רעדן אין גאס אנטקעגן מענטשן, האט ער געזאגט פאר'ן אלטן איד, קומט מיט מיר אריין אין די הייל, וועל איך דיר מסביר זיין די גרויסקייט פון די עבודה זרה רח"ל, יענער אלטער איד האט זיך "געלאזט", אוןביידע זענען אריין ביי די ערשטע חלק פון די מערה, ישו האט גענומען א ליכט מיט פייער און אנגעצינדן, אזוי האט ער מסביר געווען זיינע שטותים, דער אלטער האט פראבירט צו זאגן, איך בין דאך שוין אלט, איז וואס פעלט אויס צו משנה זיין, דעם אלטן דרך התורה, און ישו האט אים געענטפערט אויף זיינע פראגן, און ברייט מסביר געווען.

מיטאמאל, זענען די צוויי עדים ארויס געשפרינגען פון זייער באהעלטעניש, זיך ארויף געווארפן און צוגעבינדן מיט קייטן דעם ישו, און געטראגן צום בית דין, אז זיי זאלן אים דן זיין על פי התורה ווי א מסית ומדיח - איינער וואס טוט אינטערהעצן צו דינען עבודה זרה, איז חייב סקילה ביים בית דין - מען האט טאקע געווארט 40 טעג, און ערב פסח ג' אלפים תש"ז - מיט 2064 יאר צוריק - זייענדיג אלט נישט מער ווי 36 יאר, האט מען אים פארשטיינערט לויט די הלכה, און מ'האט אים אויפגעהאנגען פארנאכט'ס, דערנאך האט מען אים אראפ גענומען - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'לא תלין נבלתו על העץ', און מ'האט אים באערדיגט אין שטאט לוד, צוזאמען מיט די האלץ אויף וואס מ'האט אים אויפגעהאנגען. צוזאמען מיט אים האט מען אויך גע'הרג'ט זיינע פינעף הויפט תלמידים, וואס האבן געהייסן: מתאי, נקאי, נצר, בוני, תודה (סנהדרין מג.) און מיט דעם האט זיך אויף א שטיקל צייט אפגעשטילט און פארגעסן געווארן די גאנצע שיטה און זכר פון ישו הנוצרי.

*

ארום הונדערט יאר שפעטער איז ליידער בעווה"ר חרוב געווארן בית מקדשינו ותפארתינו, און אידן זענען געווארן אינטערגעדריקט אינטער די גוים, האבן זיך פלוצלינג אפאר אלטע תלמידים פון ישו זיך דערמאנט אין זייער מנהיג, זיי האבן אויסגעניצט די געלעגנהייט וואס די אידן זענען אונטער דעם עול הגלות, און מען האט אנגעפאנגען צוריק צוזאמנעמען די וואס האבן זיך געוואלט נאכשלעפן מיט זייערע שקרים און אויסגעטראכטע מעשיות, זיי האבן דעמאלטס אויפגעשטעלט די "קריסטליכע גלויבן", מען האט זיי גערופן "מינים", ווייל מי"ן איז ראשי תיבות מ'אמיני י'שו נ'וצרי, די חכמים האבן דעמאלטס צוגעלייגט א תפלה ביים דאווענען ביי שמונה עשרה, די ברכה פון "ולמלשינים... וכל 'המינים' כרגע יאבדו".

עס איז געווען צוויי מענטשן וואס זענען געווען די שטארקע אנפירערס פון די קבוצה מינים ואפיקורסים, "שאול התרשיש" - א תלמיד פון רבן גמליאל הנשיא. און דער צווייטער איז געווען "שמעון כיפא", פארשטייט זיך אז זיי האבן קיינמאל נישט געזעהן דעם אותו האיש, נאר זיי האבן פארציילט אז אותו האיש איז ארויף געפלויגן אין הימל, און ער באווייזט זיך צו זיינע נאנטע און זאגט זיי אויס סודות פון הימל. דער שמעון כיפא האט זיך באזעצט אין רוים, וואס דארט האט ער אויפגעשטעלט די "קאטוילישע גלויבן".

בס"ד

# פארוואס טאר מען נישט לערנען אין ניטל?

די נאכט פון "ניטל" איז איינגעפירט ביי אידן אז מען לערנט נישט קיין תורה, צוליב דעם וואס דעמאלטס האלטן די גוים דעם געבורטסטאג פון זייער פירער 'יוזל' אדער ווי ער ווערט ארגינעל אנגערופן אין חז"ל מיטן נאמען "ישו הנוצרי".

הגה"ק בעל בני יששכר זי"ע אין זיין ספר רגל ישרה ברענגט אראפ אז דער אותו האיש איז געווען פון די קליפה פון כלבים (הונט) וואס דער עיקר כח פון די קליפה איז אין חודש טבת, דעריבער האבן זיך אידן געפירט אז מ'לערנט נישט "ניטל" ווייל דאס גיט ח"ו א כח פאר די קליפה און די כוחות הטומאה.

דער בני יששכר שרייבט דארט אז ער האט געהערט פון מגידי אמת אז עס האט עטליכע מאל פאסירט ווען מענטשן האבן יא געלערנט תורה אין ניטל, אז עס איז געקומען א הונט צו זיי אין שטוב, און ער שרייבט דערויף "ומנהג ישראל תורה הוא".

דער רבי זי"ע האט אמאל דערציילט אז אויך דער חתם סופר זי"ע האט אמאל געלערנט אין ניטל, און ער האט געזעהן א הונט ביי זיך אין שטוב זייט דעמאלטס האט ער מער נישט געלערנט ניטל נאכט (בוצינא קדישא ח"א ע' רי"ג).

מ'דערציילט אז א גלח האט געפרעגט רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע ווי אזוי זאגן אידן אז די וועלט שטייט אויף זייער תורה, 'ניטל' לערנט מען דאך נישט קיין תורה, און פונדעסטוועגן בלייבט די וועלט שטיין, האט אים רבי יונתן צוריק געענטפערט אז וויבאלד דאס איז א מנהג ישראל איז דאס אליין א תורה און אויף דעם האלט זיך די וועלט.

דער חתם סופר (אגרות סופרים ב' ב') ברענגט דעם טעם פארוואס מען לערנט נישט ניטל, כדי מען זאל זיך לייגן שלאפן און אויפשטיין ביי חצות צום לערנען, וויבאלד די גוים שטייען אויף צו גיין אין זייערע תיפלות קען דאס ח"ו גורם זיין א קטרוג אויף אידן, דעריבער האט מען גע'אסר'ט צו לערנען תורה, נאר מען זאל זיך לייגן גלייך נאך מעריב און אויפשטיין ביי חצות לערנען.

נאך א טעם שטייט אין ספר המטעמים כדי עס זאל אים נישט ביישטיין דער זכות פון די תורה וואס ער האט געלערנט, וואס ווי באקאנט איז דער אותו האיש געווען א תלמיד פון דעם תנא רבי יהושע בן פרחי' און ער איז שפעטער ארויס לתרבות רעה.

דער ערוגת הבשם ברענגט בשם הגה"ק בעל דברי יחזקאל זי"ע אז מיט דעם וואס מ'לערנט נישט אין ניטל, מיט דעם איז מען מתקן די אלע ביטול תורה פון א גאנץ יאהר.

## פארוואס הייסט דער זמן "ניטל"?

אין תרומת הדשן (סי' קצ"ה) ווערט דער טאג אנגערופן ניתל מיט א ת', דאס צייגט אז וועגן דעם ווערט דאס אזוי אנגערופן ווייל דעם אותו האיש האט מען אויפגעהאנגען.

דער בני יששכר אין ספר רגל ישרה (מערכת י' אות ק"כ) זאגט אז דאס הייסט ניטל ווייל דאס איז דער "ליל נטילתו ועקירתו מן העולם".

אין ספר לב שמח פון הרה"ק רבי חנוך העניך מאלעסק זי"ע שטייט אז וועגן דעם הייסט דער טאג ניטל, ווייל ניטל איז ראשי תיבות י'ודן ט'ארן נ'ישט ל'ערנען.

דער הייליגער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע האט געזאגט אז ביי אים איז א שמחה אין ניטל נאכט. ווייל ווען דער אייבערשטער איז דן די גאנצע וועלט ראש השנה, קומען די גוי'אישע שרים צו גיין מיט טענות, און זיי זאגן אז עס איז נישט קיין גערעכטער משפט ח"ו, ווייל די גוים ווייסן נישט אז עס איז היינט ראש השנה. אבער ווען עס קומט אן ניטל, וואס דאס איז ביי זיי א גרויסער טאג, און דאך גייען זיי זיך מטמא זיין מיט אלע עבירות און זיי פארברענגען מיט הוללות, ווערט מיט דעם באשטעטיגט דער פסק דין פון ראש השנה, אז עס איז נישטא נאך אזא ערליך און הייליג פאלק ווי כלל ישראל (שו"ת תשובות והנהגות להגאון הראב"ד דעיה"ק ירושלים ת"ו, ח"א סי' תקנ"א)

בס"ד

# ליצנותא דעבודה זרה!

## מפי ספרים וסופרים

הגה"ק **רבי אברהם יושע פריינד זצ"ל דער נאסאדער רב** פלעגט זאגן, אז צוועלף אזייגער בייטאג, דעמאלטס ווען די געטשקע הערט דעם קלאנג פון די גלאקן וואס קלונגען אויף די תפלה, דעמאלטס ווערט ער דארשטעריג און ער גייט זיך נעמען צו טרינקען.

די מענטשן וואס האבן דאס געהערט האבן זייער געשטוינט הערענדיג די ווערטער, און זיי האבן אים געפרעגט: רבי, א געטשקע קען דען גיין?

האט דער נאסאדער רב צוריק געפרעגט: און הערן קען ער דען יא? ווען ער הערט דעמאלטס גייט ער!...

☆ ☆ ☆

הגה"ק הרבי **ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל** האט אמאל געפירט א וויכוח מיט א גוי'אישן בישאף, און ער האט אים מנצח געווען.

האט אים דער בישאף געזאגט "פון דעם וואס דו האסט מיך מנצח געווען איז נישט קיין סימן אז דו ביסט קלוגער פון מיר, נאר וויבאלד דו ביסט געבוירן געווארן א איד, האסטו זיך גוט אויסגעלערנט צו בארעכטיגן די טענות וואס מיר האבן קעגן די אידן. לאמיר מאכן פארקערט, איך וועל יעצט זיין אויף די זייט פון די אידן, און דו וועסט זיין אויף די זייט פון די קריסטן, און אויב דו וועסט מיך נאך אלס קענען מנצח זיין וועל איך וויסן אז דו ביסט קלוגער פון מיר".

רבי יונתן האט מסכים געווען.

האט דער בישאף אנגעהויבן צו טענה'ען "מילא אונז אידן האבן א יו"ט פורים, ווייל מיר האבן געהאט א נס, און מיר זענען ניצול געווארן פון המן, אבער די קריסטן, פארוואס מאכן זיין א חאגע ווי פורים? וואס איז דאס זייער שמחה?"

האט רבי יונתן געענטפערט "יא, די קריסטן האבן אויך געהאט א גרויסן נס, ווייל אויב ח"ו המן הרשע הרג'עט אויס די אידן, וואלט שוין אויך געשטארבן זייער גאט, ווייל ישו שטאמט דאך פון אידן, און אויב מ'וואלט גע'הרג'עט אלע אידן וואלט ער קיינמאל נישט געבוירן געווארן".

דער בישאף איז נתפעל געווארן פון די חכמה פון רבי יונתן.

☆ ☆ ☆

אין ספר **אסם בושם** (אות צ"ג) ווערט דערציילט:

א קריסטליכער גלח האט אמאל געפרעגט א איד: ביי ענק אידן גייט דאך דער טאג נאך די נאכט, און שבת ויו"ט עסן ענק א סעודה ווייל דער קומענדיגער טאג איז שבת, אויב אזוי פארוואס פורים מאכן ענק א סעודה בייטאג און מען ציעהט עס אריין ביינאכט?

האט אים דער איד געזאגט: דו האסט זייער גוט געפרעגט, אבער לאמיר דיך צוריק פרעגן א שאלה, ביי ענק גויים גייט דאך דער נאכט נאכן טאג, איז פארוואס מאכן ענק ביי ענקער חאגע א סעודה א נאכט פריער?

נאר וואס דען? די צוויי שאלות ווערן פארענטפערט אינאיינעם, וויבאלד דער נס פורים איז געקומען דורך א גוי, המן הרשע, פירן מיר זיך מיט די סעודה אזוי ווי ענק, אז מען ציהט אריין די סעודה ביינאכט, ווייל ווען נישט דער גוי המן, וואלט קיינמאל נישט געווען קיין פורים פאר די אידן. אבער ביי ענקער חאגע איז פונקט פארקערט, ווען נישט די אידן וואלט עטס נישט געהאט ענקער "ישו", דעריבער טוען ענק זיך אנטרינקען און ענק עסן פון א נאכט פארדעם, פונקט ווי מען פירט זיך ביי די אידן.

☆ ☆ ☆

מען האט אמאל געפרעגט הגאון ר' **אייזל חריף** זצ"ל, פארוואס אלע ימים טובים האלט מען 2 טאג וועגן ספיקא דיומא, און פונקט ניטל איז נאר איין טאג.

האט ער געענטפערט אז מ'האלט טאקע יא 2 טאג, ווייל מיר ווייסן "אם תעזבני יום יומיים אעזבך", קומט אויס אז מ'לערנט נישט איין טאג, איז דאס שוין גורם אז מ'זאל נישט לערנען נאך א טאג.

בס"ד

# ווען איז ניטל?

די וואך פרייטאג צונאכט'ס, געפאלט אויס למספרם יאנואר 6 און מיר האלטן דאן ניטל. מיר ווייסן אבער אז די גוי'אישע 'חאגע' איז געווען באלד צוויי וואכן צוריק, דעם 25'סטן טאג אין דעצעמבער, וואס אסאך קהילות פירן זיך דעמאלטס צו האלטן ניטל, דארף מען פארשטיין אויב איז דער מנהג פון ניטל געוואנדן אין די גוי'אישע חאגע (ווי פריער דערמאנט), פארוואס האלטן מיר ניטל מיט באלד צוויי וואכן שפעטער?

דאס איז באמת פארבינדן מיט א לענגערן קאמפליצירטן חשבון, וואס מיר וועלן דערין נישט אריינגיין, נאר מיר וועלן דאס בארירן אין קורצע ווערטער.

ארגינעל פלעגט אלס זיין די גוי'אישע חאגע 25 טאג אין דעצעמבער, וואס דאן פלעגן זיי גיין אין די תפלות, און דאן געפאלט די 'תקופת טבת'. ווי מיר טרעפן אין די גמרא אין מס' עבודה זרה איז זייער חאגע טאג געווען פארבינדן מיט די תקופה. אין אנדערע ווערטער איז די 'תקופה' וואס דאס איז געווען א זאך וואס איז תלוי אין די מזלות פון די וועלט, געווען פארבינדן מיט דעם דאטום פון דעצ. 25.

אידישע קינדער ציילן דעם יאר לויט די לבנה, חז"ל האבן אראפגעשטעלט א גענויען חשבון ווי א יאר האט 354 טעג, 12 חדשים, טייל זענען 29 טעג טייל זענען 30 טעג, יעדע עטליכע יאר איז דא אן עיבור יאר, און דאס שטימט אקוראט מיטן מהלך פון די מערכת השמים, אז די תקופות השנה שטימט מיט די מועדי וזמני השנה.

די גוים ציילן צו די זון, זייער יאר האט 365 טעג, אבער וויבאלד זיי האבן נישט געהאט קיין פונקטליכן חשבון, עס איז געווען עטליכע שעות א יאר אנדערש פון זייערע חשבונות, איז אין לויף פון הונדערטער יארן געשעהן אז די שעה'ן זענען געווארן טעג, און זיי זענען ווירקליך געווען פארוקט פון דעם אמת'ן גאנג פון די זון, אן דעם וואס זיי זאלן דאס וויסן.

ביז ווען מיט איבער 400 יאר צוריק איז געקומען א גוי'אישער חכם, גריגארי, און ער האט איבערגערעכנט דעם גוי'אישן לוח פון אלע פריערדיגע יארן, און ער איז געקומען צום באשלוס אז עס איז געשעהן א גרויסער טעות, און עס איז שוין באמת 14 טעג שפעטער ווי מען מיינט אז עס איז. און למשל ווען עס איז דאס קומענדיגע מאל געווארן די ניי-יאר יאנואר 1 האט מען א שפרונג געגעבן ביז יאנואר 14. קומט אויס אז אויב איז ביז דעמאלטס געווען אנגענומען אז די 'תקופה' איז דעצעמבער 25 איז דאס פון היינט אן 14 טאג שפעטער יאנואר 6.

כאטשיג אלע גוים האבן אנגענומען דעם טויש פון זייער חכם, און זיי האבן איבערגעשפרונגען די 14 טאג, איז אבער געבליבן א מחלוקה ווען עס איז די 'חאגע'. די גוים וואס רופן זיך קאטאליקן זענען ווייטער געבליבן האלטן די חאגע אינעם אלטן טאג דעצעמבער 25, אפילו עס איז שוין נישט די תקופה, אבער די קריסטן האבן זיך יא גערוקט צו האלטן די חאגע אינעם טאג פון די תקופה, און אזוי איז געבליבן צוטיילט די מיינונגען ביי די גוים ווען רוב וועלט האלט די ערשטע חאגע, און די רוסישע קריסטן און נאך אנדערע האלטן די צווייטע.

וויבאלד אין דעם ענין פון 'ניטל' זענען די גוים די 'בעלי בתים', האבן זיך אידישע קינדער געפירט צו האלטן ניטל לויט ווי עס האבן געהאלטן דעם חאגע די גוים אין די לענדער וואו זיי האבן געוואוינט. די אידן וואס אין זייערע מדינות האבן די גוים געהאלטן די חאגע אין דעצ. 25 האט מען דעמאלטס געהאלטן ניטל, און די אידן וואס אין זייערע לענדער האבן די גוים געהאלטן דעם צווייטן חאגע, האלטן דעמאלטס ניטל.

דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט אמאל זיך אויסגעדריקט "היות דארט וואו מיר האבן געוואוינט זענען רוב גוים געווען גריכישע קאטאליקען, וואס זיי האבן געהאלטן זייער חאגע יאנואר פונעם זעקסטן אויפן זיבעטן, האלטן מיר היינט אויך דעם ניטל".

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# מנהג ישראל תורה היא

## הוראות מכ"ק מרן רבינו הק' זי"ע בעניני ניטל

מספר "מבצר תורה ויראה" ח"ג

### ווען איז ניטל? און ביז ווען לערנען מיר נישט אין ניטל?

בנוגע דעם מנהג ישראל תורה נישט צו לערנען אין 'ניטל נאכט' זענען דא מערערע מנהגים, מיר וועלן דא ברענגען ווי דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט זיך געפירט, און ווי אזוי ער האט געהייסן טאן פאר זיינע תלמידים.

דער רבי האט געהייסן האלטן 'ניטל' אין חודש יאנואר אין די נאכט פון 6'סטן צום 7'טן, וואס דאן האט מען נישט געלערנט פון זמן מעריב ביז חצות. אבער אינעם ניטל פון דעצעמבער 25 ווי מען רופט דאס דעם "חתם סופר'ס ניטל", האט מען יא געהעריג געלערנט, אבער דער רבי פלעגט הייסן נישט מאכן קיין חתונות יענע נאכט.

עס האט דערציילט הרב מענדל פריעדמאן ז"ל ר"מ בישיבה"ק אין ירושלים, אז אינדערהיים האבן די בחורים באמערקט אז דער רבי פרובירט אויסצושטעלן אז ער זאל נישט דארפן פארלערנען אינעם ניטל פון חתם סופר, כאטש ער האט דאס נישט געזאגט, האבן אבער דאס די בחורים אינאכט גענומען. ווען רבי מענדל איז צוגעגאנגען פרעגן דעם רבי'ן אויב דער רבי האט א קפידה נישט פארצולערנען אין יענעם ניטל נאכט, האט אים דער רבי נישט געהעריג גענטפערט, זאגנדיג "נאך חצות קען מען דאך זיכער לערנען". אבער דא אין אמעריקע, דערציילן די תלמידים, אז דער רבי האט געהעריג פארגעלערנט אין יענעם ניטל.

דער רבי פאר זיך פלעגט אויך לערנען נאך חצות געהעריג ביי זיך אינדערהיים, אין די ערשטע יארן ווען די ישיבה איז געווען אונטערן רבי'נס שטוב פלעגן די בחורים זיך זעצן לערנען ביי חצות געהעריג. אלע יארן איז טאקע אזוי געווען איינגעפירט אין די ישיבה אז ניטל האט מען זיך געלייגט פרי, און מען האט געלערנט 6-7 שעה פארן דאווענען פארטאגס.

אין יענע יארן איז 2 מאל אויסגעקומען אז ניטל איז אויסגעפאלן פרייטאג צו נאכטס, תשט"ז און תשכ"א, דאס ערשטע מאל האט דער רבי נישט געזאגט קיין תורה וויבאלד עס איז נאך געווען פאר חצות, אבער דאס צווייטע מאל האט דער רבי געווארט בערך 20 מינוט ביז ס'איז געווארן חצות און דאן האט דער רבי געזאגט תורה. שפעטער אין יאר תשכ"ז איז אויסגעפאלן שב"ק פר' וארא ניטל, האט דער רבי אויך נישט געזאגט קיין תורה, וויבאלד עס איז נאך געווען פאר חצות. אויפן וועג אהיים נאכן טיש האט דער רבי נאכגעזאגט פון בעלזער רב זי"ע וועלכער פלעגט יא זאגן תורה ביים טיש, ווייל די תורה זאגן ביי צדיקים זענען אזוי ווי תפילות.

בשנת תשכ"ב איז 'ניטל' געפאלן מוצש"ק, האט דער רבי נישט געזאגט יענע וואך קיין שובבי"ם תורה. ווען בשנת תשכ"ח איז 'ניטל' געפאלן מוצאי שב"ק פר' ויגש, ביי שלש סעודות האט דער רבי געזאגט גאר א קורצע תורה, אויך מיט א שטילע שטימע.

איינער פון די משמשים בקודש ביי מרן רבינו ז"ל האט פארציילט אז ווען דער רבי איז שוין נישט געזונט געווען האט אים דער רבי געזאגט אז ער האלט אז מען זאל האלטן 'ניטל' ביזן עלות. ער האט זיך פרובירט צו דינגען מיטן רבי'ן זאגענדיג אז דער עולם ווייסט אז דער רבי פלעגט ביז היינט אנדערש זאגן, און דער רבי אליין האט דאך אויך געלערנט נאך חצות, האט אים דער רבי געזאגט "אין בעלז לערנט מען דאך נישט פון חצות מיטאג, איך לערן יא ביז מנחה, אבער ביזן עלות וויל איך נישט מ'זאל לערנען"...

נאך דערציילט ער, אז איינמאל איז דעם רבי'נס פלומעניק הרה"ח ר' שמעון לויפער ע"ה געקומען צום רבי'ן ביי מנחה מעריב און געזאגט אז ער איז אויפגעקומען אז היי יאר דארף מען האלטן ניטל פונעם 7'טן אויפן 8'טן יאנואר, צוליב פארשידענע חשבונות.

דער רבי האט געהייסן אז זיי זאלן אריבערגיין צו א רוסישן גלח אין די געגענט (ווייל די רוסן האלטן די 'קראצמער' חאגע אין יאנואר, משא"כ רוב אנדערע גוים אין די געגענט האלטן די חאגע אין דעצעמבער 25) און אים פרעגן ווען ער גייט אין די קירכע, און יענער האט געזאגט אז ער גייט אינעם 6'סטן, האט דער רבי געהייסן בלייבן אזוי זאגענדיג "דא איז דער גוי בעל הבית צו פסק'ענען"...

עס דערציילט איינער פון די תלמידי הישיבה וואס איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן ניטל נאכט איבערגעבן געלט פארן רבי'ן, האט ער געזעהן ווי דער רבי האט געהאט אויפן טיש די ספרים "שם הגדולים" און "סדר הדורות". ווען ער האט איבערגעגעבן פארן רבי'ן דאס געלט, האט זיך דער רבי אנגערופן "א פאסיגע צייט אין ניטל צו נעמען געלט"...

בס"ד

# יארצייט פון צדיקים

## י"ז טבת

## הרה"ק רבי ארי' לייבוש ליפשיץ זי"ע

### בעל "ארי' דבי עילאי"

דער הייליגער ארי' דבי עילאי זי"ע איז געווען א איידעם ביי א גרויסער עושר, די טאכטער פונעם עושר איז געווען נישט אזא ערליכע פרוי, ווייל זי האט געהאלטן אז איהר מאן איז צו שטארק פרום, עס האט איהר זייער געשטערט, ווייל זי האט געוואלט מער פארברענגען, און איהר מאן זאל זיין מער פארנומען מיט ארבעטן און מאכן געלט, און נישט אזויפיל זיצן ביי די גמרא, וועגן דעם האט זי מחליט געווען אז זי גייט זיך גט'ן פון איהם, אבער איהר טאטע האט איהר פרובירט איינרעדן אז זי זאל דאס נישט טוהן.

דער עושר האט געפלעגט אוועק פארן צוליב זיינע געשעפטן, האט ער איבער געלאזט זיין געשעפט פון ווייַן אז זיין טאכטער זאל עס פירן, און וויבאלד זי האט געוואלט אז איהר טאטע זאל מסכים זיין צום גט, האט זי אויסגענוצט די געלעגנהייט, און אזוי ווי עפעס א גוי'טע איז אריין געקומען אין געשעפט, האט זי מיט איהר איינאיינעם אראפ געגאנגען צום קעלער נעמען פון די וויין.

און ווינקל איז זיך איהר מאן געזעצן פארטיפט אין לערנען, האט זי איהם געבעטן, ער זאל איהר העלפן נעמען פון די וויין, זי האט זיך פלוצלינג ארויס געשארט פון קעלער און ארויס פון דארטן, ווען ער האט זיך געכאפט אז ער איז מיט א גוי'טע אליין איז ער ארויס געלאפן. נאך אזא מעשה האט ער איהר גלייך געגעבן א גט, מיטן רשות פון איהר טאטן אז אזא "בטלן" וויל ער אויך נישט. (ווייל עס איז געווארן א שאלה אויף די גאנצע וויין, אויב עס איז יין נסך).

* * *

נאכדעם האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, דער ישמח משה האט מסביר געווען פאר זיין רעביצין (וואס זי האט נישט געוואלט א גרוש פאר איהר טאכטער) מיט א שיינע משל: איינמאל איז א דארפסמאן געווען אינמיטן האקן האלץ, האט ער זיך אנגעשטויסן אין א הארטע קעסטל, ווען ער האט עס אויפגעמאכט האט ער געזעהן אז עס איז געפאקט מיט אינטערסאנטע פארבעדיגע באנדלעך, ער האט זיך געפריידט, און איז גלייך אהיים געגאנגען און אויף געלייגט אויפן פייער, אפגעקאכט די באנדלעך, נאך 4 אדער 5 שעה זעהט ער אז עס ווערט נישט ווייך, האט ער עס ארויס געלייגט אין חצר נעבן די מיסט.

איז אדורך געגאנגען א חכם, וואס האט פארשטאנען אז דאס איז אבנים טובות ומרגליות, האט ער עס געוואלט נעמען, לאכט פון אים דער דארפסמאן, מיינע שמוץ וואס איך ווארף אוועק ווילסטו נעמען צו דיר.

דער נמשל האט ער שוין נישט געדארפט מסביר זיין פאר זיין רעביצין, וואס האט פארשטאנען אז טאקע די ערשטע פרוי האט נישט דערגרייכט די גרויסקייט פון איהר מאן, אזוי האט מען אויסגעפירט די שידוך בשעה טובה ומוצלחת.

בס״ד

## די נֶעמֶען פוּן דִי אָבוֹת, אִמָהוֹת, שְׁבָטִים, אוּן נָאךְ, וָואס מְ'הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חוּמְשׁ בְּרֵאשִׁית

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ד | ג | ז | י | ש | מ | ע | א | ל | נ | ד | ט | ה | ה | ק | ב | ר | א |
| ש | ב | י | ל | כ | ל | מ | י | ב | א | ר | א | ו | ב | נ | ו | ה | ד | י |
| ר | ל | ר | פ | ה | ז | פ | י | ל | א | ז | י | ל | ה | ר | י | מ | ע | י |
| ס | ה | כ | ה | ת | כ | ע | פ | א | ר | ו | ה | א | ח | ד | ה | ד | ש | ר |
| ר | ה | צ | נ | מ | ר | ו | ד | ו | ל | ה | ו | פ | ר | ר | ו | ש | צ | ת |
| ח | ת | י | מ | פ | ה | ו | פ | ת | ק | י | ר | ל | א | ה | כ | ה | ר | ד |
| ב | מ | ה | ו | מ | ת | צ | ו | ב | פ | נ | ע | ש | ה | ר | ו | ח | י | נ |
| ת | מ | נ | ג | י | ב | ל | ט | נ | ה | מ | ו | ז | ה | ו | ב | נ | ו | ה |
| א | ב | מ | ק | ר | ר | ב | י | י | ל | נ | נ | כ | ר | ע | ו | ק | ש | מ |
| ש | ב | ח | ר | פ | כ | נ | פ | מ | ו | ו | כ | ש | נ | ו | ר | פ | ע | ש |
| ר | צ | ל | מ | א | ש | פ | ר | י | ח | ס | ב | ת | ה | ה | א | פ | ד | י |
| י | מ | ה | ו | ש | מ | ע | ו | נ | ב | ז | פ | ז | ר | ע | כ | ה | ו | ח |

אדם הראשון
נח ✓
שם ✓
חם ✓
יפת
אברהם
יצחק
יעקב
ראובן
שמעון
לוי
יהודה
ישכר
זבולן
דן ✓
נפתלי
גד ✓
אשר
יוסף
בנימין
מנשה
אפרים
חוה
שרה
רבקה
רחל
לאה
דינה
בלהה
זלפה
סרח בת אשר
לוט
אליעזר
ממרא
תרח
נמרוד
עפרון
ישמעאל
בתואל
לבן
עשו
פרעה
אבימלך
אליפז
פוטיפר

וָוען מְ'עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען דִי אַלֶע אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיוֹת אוּן עֶס אַרַיין שְׁרֵייבְּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ פָּסוּק פוּן חוּמְשׁ בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אָבִינוּ

☐☐☐☐ ☐☐☐☐ ☐☐☐☐ ☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐

☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐☐

☐☐ ☐☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐☐

בַּיי וֶועלְכֶע פַּרְשָׁה שְׁטֵייט דִי בְּרָכָה? ____________________

וֶוען וואוּנְטְשְׁט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער דִי בְּרָכָה? ____________________